

FEMA

# האריקען סענדי עדווייזארי בעיס פלאד עלעוועשאנס (ABFE'ס)

אין די צייט וואס געגענטער הייבן זיך אן צו ערהוילן פון די שרעקליכע חורבנות פון האריקען סענדי, איז וויכטיג צו אנערקענען די לעקציעס וואס מ'האט זיך געלערנט און אונטערנעמען פארלייכטערונגס שריט וועלכע וועט פארזיכערן אז סטרוקטורן ווערן געבויעט שטערקער, זיכערער, און וויניגער אויסגעשטעלט צו צוקונפטיגע פארפלייצונגען.

איידער האריקעין סענדי האט די פעדעראלע עמערדזשענסי מענעדזשמענט אגענטור (FEMA), אלס די אדמיניסטראטאר פון די נאציאנאלע פלאד אינשורענס פראגראם (NFIP), איבערשטודירט געגענטער דורכאויס די ים ברעגעס פון ניו דזשערסי און ניו יארק צו אפדעיטן די מאפע פון פלאד אינשורענס ראטעס (FIRM'ס). די גע'אפדעיטע מאפעס האבן געדארפט אפגעשיקט ווערן צו סטעיט און לאקאלע באאמטע אינמיטן פון 2013. צוליב דעם וואס די עקזיסטירנדע FIRM'ס פאר די דערמאנטע געגענטער זענען אנטוויקלט געווארן מער ווי 25 יאר, און צוליב דעם וואס די גע'אפדעיטע FIRM'ס זענען נאכניש באשטעטיגט געווארן, איז קריטיש וויכטיג די עדווייזארי ביעס פלאד עלעוועשאנס (ABFE'ס) צוצוהעלפן די איבערבוי באמיאונגען.

די ABFE'ס זענען באזירט אויף קראנטע סייענס און ענדזשינירינג, און ווערן גענומען פון מער לעצטיגע אינפארמאציע און פארבעסערטע שטודיע מעטאדן פון די עקזיסטירנדע FIRM'ס. באזירט אויף שאצונגען נאך די לעצטע שטורעם געשעענישן, אריינגערעכנט האריקען סענדי, האט FEMA באשטעטיגט אז די בעיס פלאד עלעוועשאנס אויף טייל פון די עקזיסטירנדע FIRM'ס טוען נישט געבן גענוי אפשפיגלען די יעצטיגע ים-ברעג פארפלייצונג-סכנה ריזיקע. אין מערסטנס פעלער טוט די ABFE אפשפיגלען א העכערע פארפלייצונג עלעוועשאן ווי די עקזיסטירנדע רעגולירטע FIRM'ס. פראפערטי און ביזנעס אייגנטומער זאלן נאכקוקן ביי זייערע לאקאלע בילדונג באאמטע, צו פארשטיין גוט סיי וועלכע פארלאנגונגען איבער נוצן ABFE'ס אין די איבערבוי באמיאונגען.

ABFE'ס וועט זיין גרייט פאר געמיינדעס אין די פאלגנדע געגענטער:

- ניו דזשערסי קאונטיס: אטלאנטיק, בערגען, בורלינגטאן, קעיפ מעי, עסעקס, האדסאן, מידלסעקס, מאנמאוט, אושאן און יוניאן.
- ניו יארק קאונטיס: בראנקס, קינגס, ניו יארק, ריטשמאנד, קווינס און וועסטשעסטער

## ריסאָרסעס

- פאר אינפארמאציע איבער די האריקעין סענדי ערהוילונג, באזוכט: www.fema.gov/sandy
- זיך איינצוגעבן פאר חורבן הילף, באזוכט : http://www.disasterassistance.gov/
- נאך אינפארמאציע איבער עדווייזארי בעיס פלאד עלעוועשאנס וועט זיין גרייט אום דעצעמבער 2012 אויף FEMA'ס רעגיאן 2'ס וועבזייטל, באזוכט: www.Region2Coastal.com
- צו פרעגן פראגעס און באקומען אינפארמאציע איבער פלאד אינשורענס און אלגעמיינע אינפארמאציע איבער עדווייזארי בעיס פלאד עלעוועישאנס, רופט די נאציאנאלע פלאד אינשורענס פראגראם אויף 1-800-427-4661
- זיך צו לערנען וויאזוי צו בויען זיכערער און שטערקער, און מעגליך נידערן אייערע פלאד אינשורענס פרימיומס, לאוד אראפ די *FEMA Building Science Resources to Assist with Reconstruction After Hurricane Sandy* פאקטבויגן דורך גיין צו http://www.fema.gov/library/viewRecord.do?id=6651
- צו זעהן אויב איר זענט בארעכטיגט פאר סכנה פארמיטיגונג גרענס און הלוואות, גייט צו: www.fema.gov/hazard-mitigation-assistance
- צו וויסן מער איבער די נאציאנאלע פלאד אינשורענס פראגראם, אדער צו טרעפן אן אינשורענס אגענט, גייט צו: www.FloodSmart.gov, אדער רופט 1-888-229-0437
- פאר אינפארמאציע איבער די לאקאלע בוי געזעצן און פערמיט פארלאנגען, פארבינד אייך מיט די באאמטע פון אייער געגענט

דזשיאָספּאַטיעל אינפאָרמאַציע שיכטן און מאַפּעס פאַר די געגענטער וועלן זיין גרייט דורך FEMA'ס 2'טע ראַיאָן ים-ברעג וועבזייטל, www.Region2Coastal.com, אום דעצעמבער 2012. די אינפאָרמאַציע וועט זיין בייגעלייגט מיט אנווייזונגען צו אינפאָרמירן פעדעראַלע, סטעיט און לאקאלע באאמטע און זיי העלפן צו מאכן אינפאָרמירטע באשלוסן אנבאלאנגט איבערבויען.

ABFE'ס זענען סוקסעספול באנוצט געווארן אין די איבערבוי באמיאונגען נאך הארריקעין קאטרינע (2005). פילע געגענטער אין לואיזיאנא און מיסיסיפי האבן אנגענומען ABFE'ס, וואס האט געפירט היים און ביזנעס אייגנטומער זיך איבערצובויען העכער און זיכערער, און האט און טייל פעלער געפירט צו דיסקאונטס פון פלאד אינשורענס פרימיומס פאר פאליסיהאלטער אין הויך-ריזיקע געגענטער.

אין ניו דזשערסי און אין ניו יארק זאלן פעדעראלע, סטעיט און לאקאלע באאמטע, בוי מייסטער, ארכיטעקטן, אינשורענס פראפעסיאנאלן, פראפערטי און ביזנעס אייגנטומער נוצן ABFE צו מאכן אינפארמירטע באשלוסן אנבאלאנג איבערבויען, און צו פארלייכטערן די ווירקונג פון צוקונפטיגע פארפלייצונגען. די וועלכע ווילן נישט נוצן די ABFE'ס, וועלן פארפאסן א וויכטיגע געלעגנהייט צו פארלייכטערן די ריזיקע פון צוקונפטיגע פארפלייצונגען ריזיקעס. דערצו, וועלן געגענטער וועלכע נעמען אנטייל אין די NFIP'ס געגענטער צייכענונג סיסטעם באקומען קרעדיט צוליב אננעמען סטאנדארטן וועלכע זענען מער ווי מינימאלע NFIP'ס פארלאנגונג, וואס וועט ברענגען אינשורענס פרימיום דיסקאונטס פאר פאליסיהאלטער אין הויך-ריזיקע געגענטער.




א פראטאטייפ פון א *ABFE*
בלויז פאר אילוסטראטיווע באנוץ

NFIP פאליסיהאלטער דארפן אויך וויסן פון פריש-דורכגעפירטע גועזעצן וואס קען באווירקן זייער צוקונפטיגע אינשורענס ראטעס. די ביגערט-וואטערס פלאד אינשורענס רעפארם אקט פון 2012 רופט די NFIP צו עלימינירן פלאד אינשורענס סובסידיעס און דיסקאונטס און רופט צו העכערן ראטעס וואס זאל אפשפיגלען די פאקטישע פארפלייצונג ריזיקע. די געזעצן קענען האבן א ערנסטע ווירקונג אויף צוקונפטיגע ראטעס פאר פראפערטיעס וועלכע טוען נישט אויספאלגן די פארלאנגונגען פון די NFIP, און פראפערטיס וועלכע טוען נישט אויספאלגן צוקונפטיגע בעיס פלאד עלעוועשאנס וועלן אויסשטיין ערנסטע העכערונגען אין זייערע פרימיומס.

די אינפארמאציע וואס ווערט גענוצט צו אנטוויקלען די ABFE'ס וועט זיין א טייל פון דאס וואס ווערט גענוצט צו אפדעיטן FIRM'ס. אינשורענס פרימיום ראטעס וועלן נישט שטייגן, און די גזעצליכע קויף פארלאנגעניש וועט נישט זיין גילטיג ביז די איבערגעמאכטע בעיס פלאד עלעוועשאנס וועלן זיין אויסגעשטעלט פאר איבערזיכט, באמערקונגען, און וועט אדאפטירט ווערן דורך די לאקאלע רעגירונגען.



געגענטער ווערן שטארק געמוטיגט צו נוצן ABFE'ס זיך צו איבערבויען שטערקער, זיכערער, און מיט א קלענערע שאנס צו זיין אויסגעשטעלט צו צוקונפטיגע פארפלייצונגען. דאס צושטעלן פארלעסליכע און צייטליכע פארפלייצונג-סכנה אינפארמאציע איז בלויז איין וועג וויאזוי FEMA העלפט די באשלוס-מאכער צו פארזיכערן אז ניו יארק'ס און ניו דזשערסי'ס ים-ברעג געגענטער ערהוילן זיך קלוגער און שטערקער אין ליכט פון דעם געפערליכן געשעעניש.

פאר נאך אינפארמאציע איבער ABFE'ס, ביטע גייט אום דעצעמבער 2012 צו [www.Region2Coastal.com](http://www.Region2Coastal.com). דערצו, וועט זיין וויכטיג אז פראפערטי און ביזנעס אייגנטומער צו ארבעטן מיט זייערע לאקאלע באאמטע גוט צו פארשטיין סיי וועלכע פארלאנגענישן איבער נוצן ABFE'ס ביים איבערבויען. באשלוסן וואס פראפערטי און ביזנעס אייגנטומער מאכן יעצט, קען העלפן צושטעלן א מער זיכערע און שטערקערע צוקונפט פאר זייער פאמיליע אדער ביזנעס.

***איידער איר בויט, זאלן פראפערטי און ביזנעס אייגנטומער זיך דורכרעדן מיט די לאקאלע רעגירונגס באאמטע קלארצושטעלן די נויטיגע עלעוועשאנס פאר אייער היים אדער געביידע.***